בעזהשי״ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע״ד הסלולה של רביה״ק מוהר״ן מברסלב זי״ע

מאת הרה״ח ר׳ **לוי יצחק בענדער** זצ״ל

מתובל בסיפורי עובדות מאנ״ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס ט״ז, פרשת בלק - פנחס, תשע״ח

# תוכן השיעור

**מ'דארף נאר 'בענקען'**

**איין 'שווייג'...**

**אוואו איז דער 'בוים'?!...**

**אלע האבן ביי איהם אן ארט!**

**ווארט צו אויף יענעם!...**

**לעבן אויף 'אייביג'!**

**על פי 'שני עדים'**

**די אמת'ע 'מופתים'...**

**די עצה צו בלייבן ביי די 'ממשלה'...**

**א 'כלל' צדיק...**

| |
|---|
| להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו |
| **(+1)-641-715-3800** ואחר כך **718920#** |
| לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש **116** |

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**
יוסף מענדל האס
מאנסי, נוא יארק
**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

# הילולת רבינו הקדוש ז"ל

- ח"י תשרי תשמ"ה -

## מ'דארף נאר 'בענקען'

ברוך השם, היינט איז געווארן 'הונדערט פיר און זיבעציג יאר' פונעם רבי'נס הסתלקות![א] מיר דאנקען השי"ת, דער אור פונעם רבי'ן שיינט - ס'שיינט אין אסאך הינזיכטן! די ספרים זיינע ווערן געדרוקט זייער בהרחבה - וואס אמאל איז עס נישט געווען, און נאך זאכן, ס'איז דא חשוב'ע מענטשן וואס זענען מקיים צוביסלעך דעם רבי'נס עצות!

דער רבי דערציילט א מעשה, פונעם פינפטן טאג פון די ז' בעטלער'ס,[ב] א מעשה פון דער 'בעל החטוטרות' - פון א 'הויקער', אויף די חתונה האבן די קינדערלעך זייער געוויינט; "ווי נעמט מען דעם דאזיגען הויקער וואס ער האט אונז מחיה געווען, ווען ער זאל דא זיין וואלט געווען זייער גוט פריילעך"! פלוצלונג גיבט ער א קום אן, זאגט ער; "איך בין דא! איך בין געקומען צו אייך אויף די חתונה"!

דער הויקער איז דאך פריער אויך געווען דארטן?! ער איז דאך געווען פון די וואס זענען געווען דארטן הונדערט מענטשן אינעם גרוב, ער איז דאך געווען דארטן פריער אויך?!

(נאר דער תירוץ איז;) דער צדיק איז דא, און לעבן אונז!! אז מען בענקט נאך איהם, מען וויינט און מען בענקט נאך איהם, ווייזט ער זיך ארוים!

ער שטייט טאקע דארטן! אז זיי האבן געוויינט די קינדערלעך - געוויינט - ווי נעמט מען דעם דאזיגן?! (דערנאך האט זיך דער בעטלער מגלה געווען און געזאגט;) **אט איך בין דא! איך בין געקומען צו אייך אויף די חתונה!**

---

[א] משנת תקע"א - תשמ"ה

[ב] ספר סיפורי מעשיות, מעשה י"ג.

דארפן מיר וויסן דאס דאזיגע, אז דער הייליגער רבי - דער אור פונעם רבי'ן איז נאר געווענדט אין דערינען! וואס מען בענקט מער נאך איהם, מען איז מער עוסק אין זיינע הייליגע עצות, ווייזט ער זיך ארוים מערער![ג]

*

# איין 'שווייג'...

זאגט דער רבי, אז ס'איז געווען דארטן - זיי האבן זיך בארימט זיך מיט די זאך פון 'מיעוט מחזיק את המרובה' - א קליין ארט זאל פארנעמען אסאך, אסאך פעולות!

איינער איז געווען דארטן, האט מען איהם אינגאנצן אויסגעלאכט מיט זיין 'מיעוט המחזיק את המרובה', די איבריגע זענען יא געפאָלן.

רעדט דער רבי פון 'מיעוט מחזיק את המרובה' - רעדט דער רבי פון דער 'דיבור', רעדט דער רבי פון 'שתיקה', אוודאי - דער דיבור איז א 'מיעוט מחזיק את המרובה'! נאר האלטן דעם דיבור, וואס מען קען זוכה זיין דורכ'ן דיבור - איז ממש אסאך זאכן! דורך דעם דיבור קען מען זוכה זיין זייער אסאך זאכן! די גאנצע חיות פונעם מענטשן, אינגאנצן זיינע אברים, זיינע גידים, וואס לעתיד דארפן זיי אפגעבן דין וחשבון - איז אלץ געווענדט אין דעם דיבור! ס'איז א 'מיעוט' אבער ער איז 'מחזיק את המרובה'!

זאגט דער רבי; דער 'שתיקה' איז א 'מיעוט מחזיק את המרובה', דאס שווייגן!

וואס ביי אונז איז עס געווען - זאגט דער רבי זאגט אין די תורה ו', דער ערשטער תורה פון רבי נתן'ס התקרבות[ד]; "עיקר התשובה, כשישמע בזיונו ידום וישתוק"! דאס איז דער עיקר תשובה - דער ענין פון 'שווייגן'! מען זאל שווייגן און מקבל זיין

---

[ג] עי' ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה' בארוכה, ושם באות ו' ; ... עַל כֵּן צְרִיכִין תָּמִיד לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ הַרְבֵּה אַחֲרֵי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ הַנַּ"ל, כִּי בְּוַדַּאי אֵין הַחִפּוּשׂ וְהַבַּקָּשָׁה אַחֲרֵי גּוּף הַגַּשְׁמִי שֶׁל הַצַּדִּיק כִּי אִם אַחֲרֵי רוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁלּוֹ שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר בֵּרוּר הַמְדַמֶּה, שֶׁזֶּה תִּקּוּנוֹ, וְזֶה צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ תָּמִיד ... וְאִם כְּבָר נִדְמֶה לוֹ שֶׁמָּצָא אֶת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, בְּוַדַּאי זֶה צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ עוֹד יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא יוֹשֵׁב אֵצֶל הַצַּדִּיק וַעֲדַיִן אוֹרוֹ חָשׁוּךְ אֶצְלוֹ וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ נְעִימוּת אֲמִתַּת עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים וְכוּ' ... וְלָזֶה צְרִיכִין יְגִיעָה גְּדוֹלָה וְחִפּוּשׂ הַרְבֵּה עַד שֶׁיִּמְצָא, וְאִם יְחַפֵּשׂ בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי יִמְצָא ...

[ד] עי' חיי מוהר"ן אות ב'.

באהבה, דאס איז אויך א 'מיעוט', ער גיבט 'איין שווייג', אבער דאס איז א תירוץ אויף אסאך קשיות!!

*

## אוואו איז דער 'בוים'?!...

זאגט דער רבי, ס'איז געווען דארטן א 'כיתה', וואס די כיתה האבן אזוי געזאגט; אזוי ווי ס'איז דא 'חיות', וואס יעדער 'חיה' האט זיך איר צווייג - האט זיך איר שאטן, און דארטן קען זי זיין, אין א אנדערע פלאץ קען זי נישט זיין, (אזוי אויך) יעדע 'עוף' האט זיך אויך איר ארט, נאר דארטן קען זי זיין, האבן זיי - די כיתה - געקלערט, צו ס'איז דא ערגעץ אזא מין סארט בוים, וואס אלע חיות זאלן דארטן קענען זיין, און אלע עופות זאלן אויך דארטן קענען זיין, זיי זאלן דארטן געפונען זיך א שאטן וואס זיי זאלן קענען דארטן זיין ביי איהם, צו ס'איז דא אזא מין סארט זאך, אזוי - האט זיך יעדע חיה א באזונדערע בוים, א באזונדערע צווייג, (האבן זיי חוקר געווען) צו ס'איז א מציאות אז ס'זאל זיין איין בוים, און אלע זאלן קענען דארט זיין לעבן איהם.

האבן זיי געזאגט; יא! ס'איז דא אזא מין בוים! האבן זיי ערקלערט אז ס'איז דא אזא מין בוים, וואס אלע קענען דארט זיין! אלע קענען מקבל זיין חיות פון דעם בוים!

זאגט דער רבי דארטן; און דאס שיינקייט פון דעם בוים וואס דארטן איז - קען מען נישט אויסמאלן! דארטן איז קיין שום היזק נישט דא, דארטן לעבן זיי - די אלע חיות - אלע לעבן מיט א ליבשאפט, מען האט זיך ליב! מען קען נישט משער זיין דאס שיינקייט פון דעם בוים וואס דארטן איז דא! וואס דארטן קענען אלע נעמען חִיוּת!

האבן זיי אנגעהויבן צו קלערן; וואו איז דער בוים? ס'איז דא אזא מין בוים - אבער וואו איז דער בוים?!

איז געווארן צווישן זיי 'חילוקי דיעות' - זאגט דער רבי, דער רבי רופט עס אן 'מחלוקת', דער האט געזאגט מען דארף גיין מיט דעם וועג, דער האט געזאגט מיט דעם וועג, ס'איז געווארן חילוקי דיעות וויאזוי מען זאל קומען צו דעם בוים!

איז געקומען א חכם, און ער האט זיי געזאגט; פארוואס קלערט איר ווי אזוי איר זאלט גיין צו דעם בוים?! קלערט פריער ווער איז ראוי ער זאל קומען צו דעם בוים!!!

ווארום, דער בוים האט אין זיך 'דריי שרשים' - זאגט דער רבי דארט, איין שורש איז 'אמונה', אז מען זאל גלייבן אין גאט ברוך הוא, איין שורש איז 'יראה', מען זאל מורא האבן פאר גאט ברוך הוא, דער דריטער שורש איז 'עניוות' - מען זאל זיין ביי זיך גארנישט, און דער גוף פונעם בוים אליין - זאגט דער רבי - איז 'אמת', דאס איז דער בוים! דארף מען דאך האבן די מידות צו קענען קומען צו דער בוים!

זאגט דער רבי דארטן; א טייל איז געווען פון זיי וואס האבן טאקע געהאט די מידות, אבער א טייל האבן נאך נישט געהאט די מידות! האבן זיי געווארט - זיי האבן דאך געקענט קומען צום בוים פריער, און דארטן איז אזא מין שיינקייט - זאגט דער רבי - אזא מין חיות וואס דארטן איז ביים בוים. האבן זיי אבער צוגעווארט, און זיי זענען נישט געגאנגען צו דער בוים! ביז אלע האבן זיך דערהארעוועט און געקומען צו די מידות - זאגט דער רבי - און אלע זענען געקומען צום בוים! דאס פארציילט דער רבי דארט.

*

# אלע האבן ביי איהם אן ארט!

פארשטייט מען, 'דער בוים' איז אוודאי - דאס איז דער 'הייליגער רבי' - דאס איז 'דער בוים'! ביי דעם בוים קענען אלע דארטן האבן א באשיצונג! אלע קענען ווערן דארטן באשיצט, אלע חיות - אלע נשמות ישראל!

עס שטייט, ביי די 'מרכבה' איז געווען - אלע 'חיות הקודש' זענען געווען, 'אריה', 'נשר', 'עופות' - איז געווען דארטן! אלע קענען נעמען חיות ביי דעם בוים!

ברענגט רבי נתן;[ה] "מען זאל ווען נישט קריגן אויפ'ן רבי'ן - וואלט דער רבי געקענט מחיה זיין די גאנצע וועלט! - ברענגען צו תשובה"!

---

[ה] עי' חיי מוהר"ן אות קט"ו, ואות רכ"ט. ועי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן סוף אות ט"ז; ... וְלֹא לְחִנָּם הִרְעִישׁ עָלָיו הַשָּׂטָן אֶרֶץ וּמְלוֹאָהּ, כִּי גַּם הוּא הָיָה מֵשִׁיב כָּל יִשְׂרָאֵל בִּתְשׁוּבָה אִם לֹא הָיוּ נִתְרַחֲקִים מֵאִתּוֹ וּמִדִּבּוּרָיו הַנּוֹרָאִים ...

וואס איז דער גאנצער וועלט? די גרויסע מענטשן וואלט ער געקענט ווייזן אז זיי ווייסן נאך גארנישט, און מיט דעם איז ער זיי מקרב! דאס איז זייער התקרבות - זיי דארף מען ווייזן אז זיי ווייסן נאך גארנישט! דאס איז א בחינת 'מה' - "וואס האסטו געזעהן"?! - "וואס האסטו געפונען"?![1] דערמיט איז ער איהם מקרב!

און דעם קלענערן מענטש, ווייזט ער איהם - אז דער אויבערשטער איז 'מיט דיר' און 'ביי דיר' און 'לעבן דיר'!

*

## ווארט צו אויף יענעם!...

דער עיקר איז דארטן, דאס וואס זיי האבן אלע צוגעווארט! די גרויסע מענטשן, זיי קענען שוין צוקומען צום בוים, און נעמען חיות פונעם בוים - מען קען דאך גארנישט משער זיין דעם 'חיות'! דאך האבן זיי אבער נישט געגאנגען אליין צום בוים, זיי האבן צוגעווארט ביז אלע וועלן זיך דערהארעווען, אלע וועלן קומען צו די מידות פון דער בוים, אלע וועלן קענען גיין צום בוים!

רבי נתן איז געווען אזוי גרויס, ווען ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן איז שוין געווען 'ניין יאר' נאך זיין חתונה, ער האט חתונה געהאט תקנ"ג, און געווארן מקורב סוף תקס"ב. ער איז געווען א קדוש, און א צדיק, און א גאון, און ער איז אפגעווען ביים רבי'ן 'אכט יאר' - געווען ביים רבי'ן.

בשעת ער איז געווארן מקורב, איז דארטן געווען פראסטע מענטשן אין נעמירוב (עיר מגוריו של מוהרנ"ת, והם היו גם כן מאנשי רבינו ז"ל), 'טעפערס' (טעפ סוחרים), פראסט

[1] עפ"י מש"כ בלקוטי מוהר"ן תניינא תו' ז' אות ז', וז"ל; ... כִּי יֵשׁ דָּרֵי מַעְלָה וְיֵשׁ דָּרֵי מַטָּה, דְּהַיְנוּ עוֹלָם הָעֶלְיוֹן וְעוֹלָם הַתַּחְתּוֹן, בְּחִינַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ, וְצָרִיךְ הַצַּדִּיק לְהַרְאוֹת לְדָרֵי מַעְלָה, שֶׁאֵינָם יוֹדְעִים כְּלָל בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת הַשָּׂגָה שֶׁל מָה, בְּחִינַת: 'מֶה חָמִית מַה פִּשְׁפַּשְׁתְּ', בְּחִינַת אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ.

וּלְהֶפֶךְ צָרִיךְ לְהַרְאוֹת לְדָרֵי מַטָּה, שֶׁאַדְּרַבָּא, מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ (יְשַׁעְיָה ו). כִּי יֵשׁ שׁוֹכְנֵי עָפָר, שֶׁהֵם בְּנֵי־אָדָם הַמּוּנָחִים בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה, וְנִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם רְחוֹקִים מְאֹד מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ, וְצָרִיךְ הַצַּדִּיק לְעוֹרְרָם וְלַהֲקִיצָם, בִּבְחִינַת (שָׁם כ"ו): "הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שֹׁכְנֵי עָפָר". וּלְגַלּוֹת לָהֶם שֶׁה' עִמָּם, וְהֵם סְמוּכִים־אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'. וּלְחַזְּקָם וּלְעוֹרְרָם, שֶׁלֹּא יִהְיוּ מְיָאֲשִׁין עַצְמָן, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי עֲדַיִן הֵם אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּקְרוֹבִים־אֵלָיו, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ". וְזֶה בְּחִינַת כֹּל, שֶׁיֵּשׁ לְהַצַּדִּיק, בְּחִינַת: "כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", 'דְּאָחֵד בִּשְׁמַיָּא וְאַרְעָא', הַיְנוּ שֶׁהוּא אוֹחֵז וּמְקַיֵּם שְׁנֵי הָעוֹלָמוֹת: עוֹלָם הָעֶלְיוֹן הוּא אוֹחֵז וּמְקַיֵּם בִּבְחִינַת מָה, בְּחִינַת 'אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ', וְעוֹלָם הַתַּחְתּוֹן הוּא מְקַיֵּם בִּבְחִינַת "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ" ...

(אנשים פשוטים) - נישט אזוי ווי רבי נתן, פונדעסטוועגן פלעגט מען זיך צונויף קומען אלע טאג און רעדן פונעם רבי'ן. פלעגט זיי דער רבי אלץ פרעגן; "וואס הערט זיך מיט אייער מנין"?

רבי נתן האט געזעהן אבער אז דער מנין איז א פראסטע מנין, ער האט אן אנדערע הארץ צום אויבערשטן, ביים אנהייב התקרבות - דאס הארץ ברענט איהם צום אויבערשטן, ער האט נישט מיט וועמען צו רעדן, זיי זענען פראסטע מענטשן! האט ער זיך מתרשל געווען אין דער מנין, פון רעדן מיט דעם מנין, ממילא איז דער מנין בטל געווארן!

(האט ער געטראכט) ער דארף קומען צום רבי'ן, וועט איהם דאך דער רבי גלייך פרעגן; 'וואס הערט זיך מיט אייער מנין'? - - נו, ער איז געקומען צום רבי'ן, דער רבי איז נישט געווען ביי זיך אין חדר, איז געלעגן א קוויטעל'ע אויפ'ן טיש; "מה אומר לכם, המנין שלכם היה בוקע רקיעים"![1] האט ער שוין געפאקט דעם פסק פונעם רבי'ן - נאך איידער דער רבי איז אריינגעקומען!

איז דאך א קושיא, רבי נתן איז אזוי גרויס און אזוי הייליג! ער זאל רעדן מיט אזעלכע פראסטע מענטשן?! וואס ווייסן זיי?! רבי נתן האט זיך מתרשל געווען, ער האט דאך געזעהן אז ער האט נישט מיט וועמען צו רעדן! האט דער רבי געזאגט; 'המנין שלכם היה בוקע רקיעים'!

זעהען מיר אז די רצון פונעם רבי'ן איז דער ענין, אז די וואס קענען שוין אביסל זיין נענטער זאלן זיי צו ווארטן!!!

*

[1] עי' חיי מוהר"ן אות של"א, ובשיש"ק ה' פ"ד.

# לעבן אויף 'אייביג'!

דער ענין פון רעדן איינער מיטן אנדערן, דאס איז פון די יסודות אינעם רבי'נס זאך - אז מען זאל נישט האלטן נאר פאר זיך! האסט עפעס? געב ארויס פאר א צווייטן! זיי מחיה א צווייטן![ח]

בפרט דעם רבי'נס זאך - זאגט דער רבי אין די תורה ז' אין די אנדערע חלק;[ט] אז דער 'עיקר השארה' וואס פון א מענטשן בלייבט איבער, איז די דיבורים וואס ער רעדט אריין - 'שהכנים בחבירו', 'ואזי כשימלאו ימיו ויגיע זמן הסתלקותו' - אז ס'קומט זמן הסתלקותו - זאגט דער רבי! פלעגט מען זאגן; **דאס איז א סגולה צו אריכות ימים!**

ס'איז א סגולה צו אריכות ימים אז מען זאל רעדן מיט יענעם אין יראת שמים - ווערט ער מלובש אין די דיבורים 'שהכנים בחבירו' - זאגט דער רבי - איז ממש גלייך ווי ער לעבט!

דער מענטש, אז ער רעדט ביים לעבן דיבורים, כאטש בשעת מעשה איז - 'ער קען דאך שוין גיין צום בוים', ער איז דא שוין מיט די מידות (פונעם בוים כנ"ל) - - ניין! ער ווארט אבער פאר יענעם! יענעם א טובה טוהן! יענער דארף אויך קומען צום בוים!! איז ער אזוי גרויס - זאגט דער רבי דארטן - אז ס'קומט דער זמן

---

[ח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"א; ... בְּוַדַּאי הַיֹּשֶׁר לְגַלּוֹת הַסְּגֻלָּה לְעַם סְגֻלָּה ... וְכָל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, מַה שֶּׁחֲנָנוֹ הַשֵּׁם שֶׁיַּכְנִיס הַמַּקִּיף לִפְנִים וּלְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר, הַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה שֶׁל הַסְּגֻלָּה, שֶׁהָיָה אֶצְלוֹ סְגֻלָּה, שֶׁיְּגַלֶּה לְעַם סְגֻלָּה וּלְהֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים ...

[ט] ליקוטי מוהר"ן תו' ז' תניינא אות ד'; ... עַל־כֵּן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לַעֲסֹק בָּזֶה - לְהַכְנִיס דַּעַת וְיִרְאַת שָׁמַיִם בַּחֲבֵרוֹ, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה חֲבֵרוֹ בְּחִינַת תַּלְמִיד אֶצְלוֹ, וַאֲזַי כְּשֶׁיִּמָּלְאוּ יָמָיו וְיַגִּיעַ זְמַן הִסְתַּלְּקוּתוֹ, אֲזַי יִתְלַבֵּשׁ בָּזֶה הַדִּבּוּר שֶׁהִכְנִיס בַּחֲבֵרוֹ, וְיִהְיֶה נֶחֱשָׁב כְּאִלּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ מַמָּשׁ קַיָּם בְּזֶה הָעוֹלָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אֲשֶׁר אֵין חֲלִיפוֹת לָמוֹ" - 'חַד אָמַר בֵּן, וְחַד אָמַר תַּלְמִיד'. נִמְצָא כְּשֶׁנִּשְׁאָר בֵּן אוֹ תַּלְמִיד אַחֲרָיו, אֲזַי יֵשׁ חֲלִיפוֹת לָמוֹ, הַיְנוּ כִּי יֵשׁ לוֹ חֲלִיפִין, מֵאַחַר שֶׁנִּשְׁאָר דַּעְתּוֹ אַחֲרָיו עַל־יְדֵי בֵּן אוֹ תַּלְמִיד כַּנַּ"ל.

כִּי עִקָּר הוּא הַדַּעַת, וּכְשֶׁנִּשְׁאָר הַדַּעַת אַחֲרָיו עַל־יְדֵי בֵּן אוֹ תַּלְמִיד, נֶחֱשָׁב כְּאִלּוּ הוּא מַמָּשׁ נִשְׁאָר קַיָּם בָּעוֹלָם. וְזֶה חֲלִיפוֹת - רָאשֵׁי תֵבוֹת: פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת וְהָגוּת לִבִּי תְ'בוּנוֹת (תְּהִלִּים מ"ט). כִּי עִקָּר הוּא הַדַּעַת שֶׁהוּא בְּחִינַת: פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת וְהָגוּת לִבִּי תְבוּנוֹת, שֶׁזֶּהוּ עִקָּר הַהַשְׁאָרָה וְהַחֲלִיפוֹת שֶׁנִּשְׁאָר מִן הָאָדָם אַחֲרָיו, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁהָיָה מְדַבֵּר חָכְמָה וּתְבוּנָה עִם חֲבֵרוֹ וְהִכְנִיס בּוֹ דַּעַת אֱמֶת וְיִרְאַת שָׁמַיִם כַּנַּ"ל ...

הסתלקותו - א סימן אז ער האט אריכות ימים! ער ווערט מלובש אין די 'דיבורים שהכנים בחבירו', איז ממש אזוי גלייך ווי ער לעבט!

עם שטייט; 'אשר אין חליפות למו'[*] - 'חליפות' מאכט פ'י 'דבר ח'כמות ו'הגות ל'בי ת'בונות! דער עיקר 'חליפות' איז וואס מיין מויל רעדט מיט יענעם 'חכמות ותבונות'!

ס'שטייט ביי דואג ואחיתופל 'אשר אין חליפות למו' זאגט די גמרא,[**] ס'איז פון זיי נישט געבליבן א זוהן אדער א תלמיד - ס'איז א מחלוקת (שם בגמרא), זיי זענען גרויסע מענטשן געווען, פון זיי איז גארנישט געבליבן!

ווייל דער עיקר 'חליפות' - ווער שמועסט נאך פונעם רבי'נס זאך - איז; "אז איך האב עפעס א זאך - געב עם ארויס פאר א צווייטן"! האלט נישט אין זיך! דאס איז דער עיקר וואס בלייבט איבער פון א מענטשן - 'זיין השראה'! דעריבער דארף מען זיין זייער נזהר דערינען, רעדן איינער מיטן צווייטן אין יראת שמים!

בפרט אינעם רבי'נס זאך אז מען רעדט - - ס'איז דא א ווארט, דער רבי האט געזאגט; איך האב גע'פועל'ט ביים אויבערשטן, אז מען רעדט פון מיר, זאל מען האבן א הרהור תשובה"! - אזוי האט דער רבי געזאגט, 'אז מען רעדט פון מיר זאל מען האבן א הרהור תשובה'!

קומט דאך אויס, אז איך דארף נישט איך זאל קוקען אויף זיך, אפילו איך קען שוין גיין צום בוים - ניין! זיי מחיה א צווייטן - א צווייטן מענטש זיי מחיה!

*

## על פי 'שני עדים'

בפרט נאך אז מען ווייסט אז די יסודות פונעם רבי'נס זאך - דער רבי האט נישט מחמיר געווען אויף אונז מיט קיין שווערע זאכן! ער האט נישט געהייסן אונז קיין גלגול שלג, קיין תעניתים מאכן זיך, ניין!

[*] תהלים מ"ט, עי' בלקוטי מוהר"ן שם.

[**] בבא בתרא דף קט"ז ע"א.

דער עיקר דעם רבי'נס זאך - דאס איז א יסוד פונעם רבי'נס זאך - איז דא צוויי זאכן; "זיין א נזהר אין קימת חצות בלילה, און זיך אויסרעדן פאר השי"ת דאס הארץ"!

'על פי שני עדים' - דאס איז די צוויי 'עדות', די גאנצע קיום, דער מענטש זאל זיך איינהאנדלען - פאלגן דעם רבי'ן מיט די צוויי זאכן! ממילא דאס וועט שוין ברענגען מיר דער גאנצער טאג, דער טאג וועט ווערן א אנדערע טאג!

אונזערע לייט פלעגן זאגן; "ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד" - אז ס'איז א 'נאכט' מיט א 'טאג' - דאס הייסט א טאג! א טאג אָן א נאכט - דאס הייסט נישט קיין טאג!

'ויהי ערב ויהי בוקר' - איך האב א נאכט - דאס איז א טאג! מוז איך דאך האבן א נאכט!

מיר גלייבן אז דער 'נאכט' הייבט זיך אן נאך פון 'חצות הלילה', עס שטייט פונעם אר"י הקדוש אז פון דעמאלטס שיינט שוין די 'אור התפילין' - אז עס קומט חצות הלילה,[יב] דעמאלטס הייבט זיך אן די נאכט! דארף איך האבן א נאכט, איך דארף דאך האבן א טאג!

דאס איז דער עיקר השארה פונעם רבי'ן, אז מיר זאלן אפהיטן די זאך!!!

ס'איז דא א דיבור פון רבי פנחס קאריצער זכרונו לברכה, ער האט געזאגט; "אט גייט די גילדענע נעכט"! האט ער אנגערופן דעם ווינטער 'די גילדענע נעכט'!

יעדע נאכט איז א 'פארמעג'! דאס קען מען נישט ארויסרעדן פאר'ן מענטשן וואס פאר א 'פארמעג' דער מענטש האט, אז ער היט אפ דעם חצות לילה!

מיר דארפן אלע האבן א 'פדיון'! דער רבי זאגט "חצות איז מסוגל כמו פדיון"!![יג] פלעגן אונזערע לייט זאגן - אז דאס איז א 'פדיון הכולל'![יד] וויפיל מיר מאכן פדיונות - 'חצות' איז א העכערע פדיון! 'חצות', 'קימת חצות מסוגל כמו פדיון'!

---

[יב] פרי עץ חיים, תפלין פרק ז'. מובא בלקוטי הלכות כמ"פ, עי' שם בהל' תפילין ו' אות ו', ועוד.

[יג] בלקוטי מוהר"ן סי' קמ"ט; חֲצוֹת הוּא מְסֻגָּל כְּמוֹ פִּדְיוֹן, כִּי הוּא הַמְתָּקַת הַדִּינִים וכו', עיי"ש.

[יד] עי' ליקוטי הלכות ברכת השחר ה"ה אות ד'.

מיר דארפן האבן דעם פדיון, א 'פדיון', נישט נאר אויף 'גשמיות'! דער מענטש - אז די 'מידות' איז נישט אזוי ווי מען דארף, די חמימות און די תאוות איז נישט אזוי (ווי מען דארף) - דער פדיון וואס מען מאכט חצות דערלאנגט עס אימעטום!!!

דערצו - זאל מען זיך מיישב זיין פאר השי"ת (- התבודדות)!

אז די צוויי זאכן - וואס איז די 'צוויי עדים', וואס דער גאנצער קיום פון דעם מענטש טוהט זיך אנהאלטן אין דעם! דאס איז כמעט דער עיקר השארה פונעם רבי'ן! דאס דארף איינער רעדן מיט'ן צווייטן! דאס דארף מען רעדן!

א מענטש, אפילו ער שטייט אויף חצות אליין, ער האט התבודדות, זאל ער זיך נישט באגענוגן, 'אז ער אליין קען שוין גיין צום בוים', האבן מיר דאך פון דער מעשה "זיי האבן צוגעווארט"! זיי האבן שוין געקענט גיין צום בוים, און זיי האבן צוגעווארט ביז יענע וועלן אויך קענען קומען צום בוים! וואס עפעס 'איך אליין'?!

וויבאלד אז איך האב בכח מחיה צו זיין נאך א מענטשן, בין איך איהם מחויב מחיה צו זיין!

*

## די אמת'ע 'מופתים'...

דער רבי רופט עס אן דארטן, סוף לקוטי מוהר"ן:[טו] עס שטייט א זוהר הק', "אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי" - 'טוב וחסד' זאגט דער זוהר 'היינו טוב היינו חסד'? וואס איז דער חילוק מיט 'טוב' ביז 'חסד'? ענטפערט דער זוהר הק', אז 'שאול המלך' איז געווען נאר 'טוב', 'טוביה גניז בגויה', מער נישט, שטייט טאקע ביי איהם

[טו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רפ"ג וז"ל; ... כְּתִיב (תְּהִלִּים כ"ג): "אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי". וְאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קס"ח): 'הַיְנוּ טוֹב הַיְנוּ חֶסֶד, אֶלָּא טוֹב טוּבֵהּ כְּלִיל בְּגַוֵּהּ. חֶסֶד דְּאִתְפַּשַּׁט לְבַר' ... וְזֶה בְּחִינַת הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁהָיָה בֵּין שָׁאוּל וְדָוִד, שֶׁשְּׁנֵיהֶם הָיוּ צַדִּיקִים גְּדוֹלִים, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הָיָה בֵּינֵיהֶם מַחֲלֹקֶת, הַיְנוּ מֵחֲמַת בְּחִינוֹת הַנַּ"ל, כִּי זֶה הָיָה בְּחִינַת טוֹב, וְזֶה הָיָה בְּחִינַת חֶסֶד, כִּי אָמְרוּ רז"ל 'דָּוִד דְּגַלֵּי מַסֶּכְתָּא' כְּתִיב בֵּהּ: "יִרְאֶיךָ יִרְאוּנִי וְיִשְׂמָחוּ", 'שָׁאוּל דְּלָא גַּלֵּי מַסֶּכְתָּא' כְּתִיב בֵּהּ: "אֶל כָּל אֲשֶׁר יִפְנֶה יַרְשִׁיעַ", הַיְנוּ כַּנַּ"ל. כִּי 'שָׁאוּל דְּלָא גַּלֵּי מַסֶּכְתָּא', זֶהוּ בְּחִינַת טוֹב. 'דְּטוּבֵהּ גְּנִיז בְּגַוֵּהּ'. אֲבָל דָּוִד דְּגַלֵּי מַסֶּכְתָּא, שֶׁהָיָה מְלַמֵּד תּוֹרָתוֹ לָרַבִּים, זֶהוּ בְּחִינַת חֶסֶד דְּאִתְפַּשַּׁט לְבַר, בְּחִינַת "וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ", וּמֵחֲמַת זֶה הָיָה בֵּינֵיהֶם מַחֲלוֹקֶת ...

'אל כל אשר יפנה ירשיע', אבער 'דוד המלך' איז געווען 'חסד', שטייט 'יראיך יראוני וישמחו'! מען דארף האבן 'חסד'!

'חסד' איז נישט נאר ווען מען דארף בארגן יענעם געלט - דאס איז אויך א גוטע זאך! (נאר אז) דו קענסט טוהן מיט יענעם חסד, יענעם מחיה זיין, און אריינברענגען אז יענער זאל 'ארויסכאפן א חצות' דורך מיר! אדער 'רעדן א דיבור צום אויבערשטן' דורך מיר! דאס קען מען מען נישט משער זיין וואספארא פארמעג דאס איז פאר מיר![טז]

דאס איז דעם רצון פונעם רבי'ן! דאס איז 'כבוד רבינו'! דער רבי האט נישט געוואלט מען זאל רעדן פון איהם 'מופתים', בחייו הקדושים אז ער האט געטוהן א מופת, האט דער רבי געבעטן דעם אויבערשטן אז ס'זאל פארגעסן ווערן, מען זאל נישט רעדן פון קיין מופת, פון רבי'ן רעדט מען נישט קיין מופתים![יז] נאר - האסט אין זיך עפעס גענומען פונעם רבי'נס זאך? זיי מחיה א צווייטן! איי, דו קענסט דאך קומען צום בוים שוין?! זאלסטו ווארטן! דער ווארטן וואס דו ווארטסט, דאס איז א 'געוואלד', וועסטו ברענגן נאך א אידן - נאך ברענגען צום בוים!

דאס הייסט איך האב 'אהבת ישראל'! דאס איז דער עיקר מצוה - דאס איז דאך א מצוה 'אהבת ישראל' פון די תרי"ג מצוות![יח] איך האב ליב יענעם! איך קען נאך א מענטשן מחיה זיין - פארוואס זאל איך איהם נישט מחיה זיין?!

*

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ז' תניינא אות ג'; ... כִּי עִקַּר הָרַחֲמָנוּת הוּא, כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין ח"ו בַּעֲווֹנוֹת רח"ל, כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחֲמָנוּת ... וְזֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִן הַכֹּל, שֶׁצְּרִיכִין לְרַחֵם עָלָיו לְהַכְנִיס בּוֹ דַּעַת, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים מ"א): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", כִּי 'אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת' (נְדָרִים מ"א), וּצְרִיכִין לְרַחֵם עָלָיו, לְהַכְנִיס בּוֹ דַּעַת.

[יז] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן - ראשי פרקים מן האותות והמופתים שנראו מאדמו"ר זצ"ל, בהפתיחה. ועי' בשיחות הר"ן אות קפ"ו.

[יח] [עי' "יערות דבש" להג"ר יונתן אייבשיץ ז"ל ח"א דרוש י'; הביטו וראו כמה גדול עון שנאת חנם, וכמה טובה מעכבת על ידה, ובעונותינו הרבים פשתה הנגע צרעת בקרב ישראל, דהיינו ח"ו לומר שלא יאהוב איש את גופו של חבירו ... אך זהו הכל באהבת הגוף, אבל באהבת הנפש, שהיא עיקר האהבה, אהבה נצחית, ואהבה שסופה להתקיים, בעו"ה אין בינינו אלא מעט ... ולכן משחז"ל (יומא ט ע"ב) כי בבית שני היה עון שנאת חנם, הכוונה כי זהו שרש המרי, כי על ידי כך באה כל הרעה הזו, וזהו החלי, כי היותם שותקים בעוברי עבירה ... לכן בבקשה מאתכם, קיימו מצות ואהבת לרעך - להוכיח עמיתו ...]

# די עצה צו בלייבן ביי די 'ממשלה'...

ברענגט דער רבי אויבן אין דער תורה תקעו ממשלה,[יט] אז יעדער מענטש דארף זעהן ער זאל האבן ממשלה אויף די מלאכים, ער איז באשאפן געווארן צוליב דעם - דאס איז דער תכלית און דער סוף פון אלע אידן! פלעגן אונזערע לייט זאגן; אז דער 'תכלית' וואס דער רבי זאגט, מיינט דאס אז ער 'מוז' צוקומען צו דעם תכלית - האבן 'ממשלה במלאכים'! און אז נישט - וועט ער דארפן נאכאמאל מגולגל ווערן! 'ער מוז קומען צו דעם תכלית'!

דארף ער זיך באטראכטן; איך מוז דאך קומען צו דעם תכלית, וואס דארף ער נאכאמאל האבן גלגולים מיט גלגולים?! לאמיר בעסער זעהן דאס - אז איך בין שוין אריינגעפאלן אין דער גורל פונעם הייליגען רבי'ן, לאמיר זעהן 'איצטער' האבן די 'ממשלה במלאכים'!

וואס הייסט 'ממשלה'? רעדט רבי נתן אין א הלכה;[כ] וואס הייסט 'ממשלה במלאכים'? מלאכים האבן נישט קיין שום יצר הרע, זיי האבן נישט קיין שום מונע וואס זאל זיי מונע זיין פונעם ברענגען צום אויבערשטן, זיי ברענגען ארויף, ער פליהט צום אויבערשטן! מיר - אויף יעדע זאך האבן מיר דאך א קטיגור, מיר האבן א מתנגד, ער לאזט אונז נישט! (קומט אויס) אז מיר זענען מקיים די תורה אזוי כהוויתו, האבן מיר 'ממשלה במלאכים'!

---

[יט] ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' א', ונעתיק קצת מלשונו הק' השייך לענינינו; ... כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי נִבְרָא, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל הַמַּלְאָכִים, וְזֶה הַתַּכְלִית וְהַסּוֹף שֶׁל יִשְׂרָאֵל ... וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִרְאוֹת, שֶׁיָּבוֹא לְזֶה הַתַּכְלִית, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל מַלְאָכִים. אַךְ צָרִיךְ לִשְׁמֹר עַצְמוֹ מְאֹד וְלִרְאוֹת, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כֹּחַ לַעֲמֹד בְּמֶמְשָׁלָה זוֹ, שֶׁלֹּא יְקַנְּאוּ בּוֹ מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת וְיַפִּילוּ אוֹתוֹ ח"ו, כִּי הַמַּלְאָכִים מִתְקַנְּאִים מְאֹד בְּאָדָם כָּזֶה, שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֶמְשָׁלָה עֲלֵיהֶם ...

וְהָעֵצָה עַל זֶה, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ עִם נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְעַל־יְדֵי הַהִתְקַשְּׁרוּת נִצּוֹל מֵהֶם. וְזֶה בְּחִינַת (אִיּוֹב כ"ו): "מְאַחֵז פְּנֵי כִסֵּא", שֶׁצָּרִיךְ לֶאֱחֹז עַצְמוֹ בְּשָׁרְשֵׁי הַנְּשָׁמוֹת, הַחֲצוּבוֹת מִתַּחַת כִּסֵּא הַכָּבוֹד, שֶׁהִיא בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית ג'): "אֵם כָּל חָי" ... וְזֶהוּ שֶׁאָמַר רַב עַמְרָם חֲסִידָא אֶל הַמַּלְאָךְ (קִדּוּשִׁין פ"א): 'אֲנָא בִּשְׂרָא וְאַנְתְּ אֵשׁ, וַאֲנָא עֲדִיפְנָא מִנָּךְ'. בִּשְׂרָא רָאשֵׁי־תֵבוֹת: שִׁשִּׁים רִבּוֹא בְּכָרֵם אֶחָד, דְּהַיְנוּ בְּחִינַת שָׁרְשֵׁי הַנְּשָׁמוֹת, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה יֵשׁ לוֹ כֹּחַ, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל הַמַּלְאָכִים, בְּחִינַת: 'אֲנָא עֲדִיפְנָא מִנָּךְ' כַּנַּ"ל.

[כ] עי' ליקוטי הלכות, הל' ערב ה' אות ל"ג.

זאגט דער רבי; דארפן מיר אבער זעהן 'איינשטיין' אין דער ממשלה, די מלאכים זענען דאך מקנא אין דעם מענטש וואס האט אויף זיי א ממשלה! וואס איז די עצה - זאגט דער רבי; "זיך אנהאלטן אין כסא הכבוד"! וואס איז 'כסא הכבוד'? 'אם כל חי'! דאס מיינט מען - אלע נשמות ישראל! אז איך וועל האבן אהבה צו אידן, איך האלט זיך אן אין אלע נשמות ישראל, האב איך כוחות איינצושטיין אין דער ממשלה!

ווארום, יעדער טאג איז א איד 'מושל', אבער יעדער טאג ווילן זיי איהם אראפווארפן די מלאכים - אויך יעדער טאג, מוז איך יעדן טאג מקבל זיין 'אהבת ישראל', יעדער טאג זיך אָנהאַלטן אין אלע נשמות ישראל - (לחשוב) ווי קען איך יענעם א טובה טוהן?!

ברענגט דער רבי; 'רב עמרם חסידא' האט געהאט דארטן דעם נסיון, ווען ער איז בייגעקומען האט ער געזאגט 'אנא בשרא ואנת אש'! זאגט דער רבי, וואס מאכט 'בשרא'? 'ש'שים ר'בוא ב'כרם א'חד' - דאס מאכט 'בשרא'! פארוואס האב איך געקענט עומד זיין דעם נסיון פון דעם דאזיגן? ער איז געקראכן אויף א לייטער - פארוואס?! ווייל איך האב זיך אנגעהאלטן אין די 'ששים רבוא אותיות' - איך האב זיך אנגעהאלטן אין די 'ששים רבוא נשמות'! זעהען מיר דאס גרויסקייט פון 'אהבת ישראל'!

מיר זענעןביים רבי'ן - אז מען האט איינעם ליב, און מען רעדט מיט איהם פונעם תכלית, אפילו איך פארברענג צייט![כא] איך בין דערווייל זיך מונע פון גיין צו דער בוים, וואס דארט איז דער עיקר תענוג, דארט איז דער עיקר שיינקייט - דער רבי זאגט אז מען קען זיך נישט משער זיין דעם שיינקייט פון בוים! ס'איז א געוואלדיגע זאך, ביי איהם איז דאך עס ממש מסירת נפש!!

*

דער רבי זאגט אין א תורה,[כב] פון א ראש השנה'דיגע תורה, דער רבי איז דעמאלטס געגאנגען צו תשליך, ס'איז געווען א 'כפיר' (שלג וקרח) די יאר, דער רבי

---

[כא] עי' חיי מוהר"ן אות שע"ז, בענין מה שמוכרחים לפעמים לדבר דברים בטלים ושיחת חלין ע"י שרגילים לדבר עם בני אדם כדי לקרבם להשי"ת.

[כב] ליקוטי מוהר"ן תו' ה' תניינא אות ט"ו.

איז געפאַלן ביי תשליך,[כג] האט דער רבי שוין דערמאנט אין דער תורה, אז פאר א 'מנהג ישראל' דארף מען זיך ווארפן 'ברפש וטיט', ווייל דעמאלטס איז דער רבי געפאַלן! מען רעדט נישט פון א מצוה ממש, נאר אפילו א 'מנהג ישראל', תשליך איז נאר א מנהג - דארף מען זיך ווארפן 'ברפש וטיט'.

דאס איז אויך דאס אייגענע, ער קען גיין אין 'גנזיא דמלכא'[כד] - ער קען גיין צום 'בוים', נאר ער לאזט זיך אראפ רעדן מיט יענעם, איז ממש ער ווארפט זיך אריין 'ברפש וטיט'! ביי איהם הייסט עס 'רפש וטיט' ביי איהם, ער קען דאך גיין גלייך צום בוים?! זאלסטו זיך אריינווארפן אין 'רפש וטיט' - ווייל אזוי וויל דער אויבערשטער, דו זאלסט יענעם אויך מזכה זיין, נישט נאר זיין א צדיק פאר זיך!

*

# א 'כלל' צדיק...

דער רבי זאגט אין די תורה,[כה] אז דער צדיק איז 'אחיד בשמיא וארעא', ער האלט אן 'בשמיא' - אין די 'גרויסע מענטשן', און האלט אן 'בארעא'! - זאגט דער רבי אין תורה ס"ח - און אויב נישט איז 'אינו צדיק כלל' - זאגט דער רבי! אויב ער האט נאר אינזין זיך, ער איז נישט מחיה (אן אנדערן) - - -

פלעגט זאגן רבי אלחנן (ספעקטאר ז"ל), ער זאל זיין געזונט; וואס הייסט 'אינו צדיק כלל'?! ער איז נישט קיין צדיק 'כלל'! ער איז נאר א צדיק 'פרט' - 'פאר זיך' איז ער א צדיק, זיין א צדיק פאר'ן 'כלל' איז ער נישט!

---

[כג] עי' חיי מוהר"ן אות מ"א, וימי מוהרנ"ת ח"א אות ל"ז. ועי' ביאור הליקוטים ח"ב סי' ה' אות ט"ו; כשהזכיר רבינו ז"ל שצריך להשליך עצמו בכל מיני רפש וטיט בשביל עבודת ה' ומצוותיו יתברך, ושלאו דווקא מצוה ממש, רק אפילו בכל ענף מהענפים היוצאים מכל מצוה, תפס אז רבינו ז"ל לדוגמא מנהג תשליך שבראש השנה. ובהשתדלותו בעת אמירת תורתו כפי אלה התיקונים בעצמם שהזכיר בה, מבואר אגב אורחא, סיבת השם יתברך, שנחלק אז רבינו ז"ל בהליכתו להנהר לקיים זה המנהג, ונתלכלך בהרפש והטיט. ובביאורינו הנ"ל, בהעלאתו מצירופי דבריו הקדושים, שעל ידי זה גם ברוחניות מוריד ומשליך את נפשו בעצמו למצולות ים ... עיי"ש.

[כד] עי' בליק"מ תו' ה' שם.

[כה] תו' ס"ח תניינא.

אבער דער רבי האט געוואלט - דער רבי איז אזא מין 'דורש טוב', אזא מין סארט 'רחמן', אז מיר קענען זוכה זיין אז מיר זאלן הייסן 'א כלל מענטש'! אינזין האבן יענעם אויך! דאס איז דער עיקר השארה פונעם רבי'ן!

*

היינט איז דאך - - (דעם רבי'נס יומא דהילולא) "זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל"! לאמיר זיך אריינעמען דעם רבי'נס עצות, לערנען דעם רבי'נס ספרים, און גיין מיט דעם, און אפהיטן דעם חצות, מיט דעם ישוב הדעת (התבודדות) - טאר מען נישט פארפעלן קיין איין טאג! דאס איז א 'פארמעג', וואס מען וועט לעתיד וויסן דעם פארמעג!

אונזערע לייט פלעגן זאגן; מען זאל מער נישט קומען אויף דער וועלט, נאר הערן די צוויי עצות - איז שוין גענוג! ס'זאל נאר זיין די גאנצע התקרבות צום רבי'ן - נאר אז ס'זאל ביי איהם ארויסכאפן דעם 'חצות' מיט 'התבודדות', איז שוין כדאי! אינגאנצן די בריאה איז שוין כדאי צוליב דעם!

אבער - זיי מחיה א צווייטן אויך דערמיט! אפילו אויב דו ווערסט דארפן אוועקגעבן צייט, דאס איז דיין 'סגולה לאריכות ימים'!

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז, מיר זאלן זוכה זיין עם מקיים זיין טאקע 'פאר זיך', 'פאר א צווייטן', און מיר זאלן האבן א גמר חתימה טובה!

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **מנחם דוד וועבער** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בנו למזל טוב**

לרגל שמחת נישואיו של החתן כמר **יוסף אליהו קנאפלער** הי"ו
למזל טוב
**נדבת אחיו שיחי'**

מוה"ר **נתנאל פיש** הי"ו
ווילאמסבורג יצ"ו
לע"נ חותנו ר' **אברהם יעקב** ב"ר **זאב** ע"ה
ט"ו תמוז

מוה"ר **יהודה ארי' גאלדרינג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לע"נ ר' **חיים זאנוויל** ב"ר **אלכסנדר זושא** עליו השלום

לע"נ ר' **זאב ברוך** ע"ה ב"ר **שמואל** ני"ו
וזו' **פיגא** ע"ה בת ר' **אהרן ישעי'** ני"ו
ח' תמוז תשס"ו
**נדבת משפחתם שיחיו**

**לעילוי נשמתו של בעל השיחות היקרות האלו**
הרה"ח ר' **לוי יצחק** ב"ר **אברהם נח** ז"ל
כ"ב תמוז תשמ"ט
**תנצב"ה**

לע"נ ר' **יודא ארי'** ב"ר **בנציון מרדכי מארקל** ע"ה
י"ד תמוז תשע"ז
**נדבת משפחתו שיחיו**